# אמפליאצי על תקנות דקהלתינו ...
# אפראבירט אין דאטא ה' מייא 1747

Amsterdam, [5]519 [i.e. 1759]

Copy held at British Library, London

Shelf mark 1982.b.1(7)

YidNed 342

Transcription:
Ronny Reshef & Mirjam Gutschow
2023
Copied into text file:
2024

Version 2023
Transcribed using Transkribus
doc 1441962

[1r]

**אמפליאצי**

על

תקנות דקהלתינו יצ״ו

ועל ידי דיא עדלי

גרושאכטבארי הערן

בורגמיינשטרן אונ' רעגירדרש

דיזר שטאט

**אמשטרדם**

אפראבירט

**אין דאטא ה' מייא 1747**

בבית ובדפוס האחים

כהר״ר יוסף כהר״ר יעקב וכהר״ר אברהם

בני המנוח

כהר״ר שלמה פרופס כ״ץ זצ״ל

בשנה **תקי״ט** לפ״ק

[1v]

[empty verso page]

[2r]

**עקסטראקט** ב

אויז עש 11 גרוש מעמאריאל
דיזר שטאט אמשטרדם המונח על
הסעקרעטאריא במקום הנ״ל .
פאליא 51 וכו'

**להיות**

דש פרנסים וג״צ דקהל אשכנזים יצ״ו . מימים
ימימה אונטר פֿונדן הבין דש התקנות דקהלתינו
יצ״ו (דיא על ידי דיא עדלי גרויש אכֿטבאהרי הערן בורגרמיינשטרן
אונ' רעגירדרש מעירנו ה' יר״ה אין דאטא 12 אפריל 1737
גונשטליך אפראבירט זיין) . על ידי כמה יחידים ותושבי
קהלתינו ניט כהגון אובסערפֿירט ווערדן . גם דש דיא
סירקומסטאנציאן וואור אין קהלתינו יצ״ל זיך כעת בפֿינדן טוהט
באיזה דברים נאהנטר רעדרעס ערפֿאדרט . בכן התאספו
ראשי עם יחד דהיינו אלטי אונ' רעגירנדה פרנסים וג״צ

ומנהיגי קהלתינו יצ״ו בחדר הקהל אונ' הבין בכח
ארטיקול ק״ב מתקני קהלה הנ״ל על פי רוב הדעות .
אין פרוואַרטונג פֿון עבין מעסיגי גונשטליכֿי אפראבאציא פֿון דיא
עדלי גרויש אכֿטבארי הערן בורגרמיינשטרן אונ' רעגירדש מעירנו
הנ״ל לטובת קהלתינו יצ״ו רעזאלפֿירט דיא ארטיקלן
הנזכרים למטה :

א ב 2 1

דש

[2v]

**תקנות הקהלה**

**א**

**דש**
מהיום והלאה קיינר זאל נבחר ווערדן צו פרנס הקהלה אויב
שוינט זעלבגר איז מבן ארבעים שנה ומעלה עד חמשים שנה
אם לא זעלבגר מקדם גבאי צדקה מבה״כ הגדולה איז גוועזן אונ'
זעלבג גבאות פֿולקומליך אויז דהיינו שני שנים רצופים כנהוג ווערט
הבין וואהר גנומן . אכן היר אונטר זיין ניט בגריפֿן אלטי פרנסים וועלכֿי
אויב שוינד מקדם קיין גבאים זיין גוועזן אעפ״כ לפרנסי קהלתינו מעגין
עליגירט ווערדין . דש פֿערנר מי שיבחר להיות גבאי צדקה מבה״כ
הגדולה . רעפֿוזירן מעכֿט הגבאות אן צו נעמין . או נאך דעם ער הגבאוֹת
הנ״ל אן גנומן העט . זעלביג גבאות מעכֿט וועלין פֿר לאזן או אב אנדאנירן
זוא איז דער זעלבגר מחויב צו צאהלן בידי פרנסים לקופת הצדקה
דקהלתינו יצ״ו סך ארבעה מאות זהובים . אונ' זולכֿר גבאי זאל ניט דרפֿין
משך ששה שנים רצופים לאחר תשלומן קנס הנ״ל נבחר ווערדין לפרנס
הקהלה . ובכן ווערט היר מיט ארטיקול ג' מתקנות הקהלה דיא מקדם
גמאכֿט זיין פֿר זוא ווייט דיזן פונקט קונטערנירט אנולירט . אכן לענין שארי
פונקטין הנזכרים שם בלייבט זעלבג ארטיקול בתקפו :

**ב**

**אונ'**
פֿערנר אמפליארנדה ארטיקול ט' מן פֿאריגי תקנות ווערט
שטאטואירט באם א' או יותר מהפרנסים וגבאי צדקה הנבחרים
ווייגרין מעכֿטין איר התמנות אן צו נעמין . אונ' דש אויף דיא
נאמינאציע מהבחירה קיינה פרשוינין . יוחד גפֿונדן מעכֿטין ווערדין אן
ועמי ז' אנשים הנזכרים בתיקון הנ״ל דעות געבין העטין . זוא זעלן דיא
זעלביגה ז' אנשים מחדש מוזן דעות שרייבן לשארי אנשים הנקובים
בשמותם על דיא ערשט גמאכֿטי נאמינאציא מהבחירה ואז זעלין פרנסים

נאהנטר פֿר פֿאלגין עם הבחירה כדי למלאות מנין החסר באופן הנזכר
בארטיקול הנ״ל לענין הבחירה ראשונה :

**ג**

**דש**
בשארי בתי כנסיות זעלין פרנסים מעגן בוחר זיין לגבאי
צדקה זאלכֿי יחידים מקהלתינו . דיא פרנסים דא צו ראוים
ווערדן פֿינדן אויב שוינט זעלבגי יחידים קיינה מקומות בבה״כ הגדולה אין

אייגנטום

[3r]

**תקנות הקהלה** ג

אייגנטום על פֿאליא שלהם הבין . והנבחרים לכך אונ' ווייגרין מעכֿטין
הגבאות אן צו נעמין . או נאך דעם הגבאות אן גנומן הבין זעלבגיש
מעכֿטין אבאנדאנירן ישלמו לקופת הצדקה מאה זהובים . ובכן ווערט
עי״ז ארטיקול ך״ז מתקני קהלתינו דיא מקדם גמאכֿט זיין לענין זה
אלטערירט :

**ד**

**דש**
מהיום והלא קיינה קידושין זעלן ווערדן גיגעבן . הן ע״י אב״ד
נר״ו הן ע״י דיינים והן ע״י משרתי קהלתינו יצ״ו . כי אם נאך
דעם חתן וכלה פֿולקומליך ע״י השררה יר״ה כפֿי תיקון ומנהג
ומדינה גטרויאט ווערדין זיין . ובכן ווערט היר מיט תיקון נ״ג מהתקנות
דיא מקדם גמאכֿט זיין גאמפליאירט אונ' פֿר זוא ווייט עש ניטיג איז
אלטערירט :

**ה**

**באם**
איין יחיד או אורח או תושב בקהלתינו ווערט שטארבין זוא זיין
יורשי המת מחויבים צו צאהלן אן הגובה קודם קבורת המת
אל דש יעניגי דש דער גשטארבנר בפֿונדין ווערט לצדקה חייב
צו זיין . דש אך נשי ובני יחידי ותושבי קהלתינו (דהיינו בנים שהם
ברשות אבֿיהם) . ווען זעלבגי שטארבין איז דער מאן או פֿאטר מהמת
מחויב צו צאהלן קודם קבורת המת אלש וואש דער מאן או פֿאטר בפֿונדן
ווערט אן הצדקה חייב צו זיין . ובאם יורשי המת או דער מאן או פֿאטר
מעכֿטין ווייגרין צו צאהלן זוא זאל המת נקבר ווערדן אהני סערמאניא או
עהר בצייגונג דנהיגי בשארי מתים הנקברים :

**ו**

**לענין**
ברית מילה זאל דער סנדק וסנדקת וגם לענין נישואין דער
מאהן פֿירן הן אנשים הן נשים גם חתן וכלה תורה וחתן וכלה
בראשית בכל ענינים הנ״ל זעלין דיא טראקטאנטין ניט דרפֿין טראקטירן .
אויף זעצין או מכבד זיין להקרואים איינִיגרלייא קונפֿעקטן או גבעקס . אך
קיינם ניט מיט געבין פֿיל וויניגר לביתם שיקן אונטר קיינרלייא פרעטעקס
שבעולם ניקש אנדרשט אלש קאפֿיע . טע . שוקלאט . אונ' ליקערין .
ומי שיעבור ישלם קנס לצדקה קהלתינו סך חמשה ועשרים רייכֿשטאליר :

לענין

[3v]

**תקנות הקהלה**

**ז**

**לענין**
נישואין וסעודת החתונה בכל השייך לזה זאל הכל מוזן פֿר
ריכֿט אונ' אב גטאן ווערדין בתוך שני ימים רצופים ולא יותר
דהיינו סבלונות זאל געבין ווערדן אן דען ערשטן טאג . אונ'
קידושין דען פֿאלגנדין יום . דש אך הסעודה ביום החופה בלבד מוז זיין .
זונדר דש אויף אייניגי אנדרי טאג הן קודם הן לאחר יום החופה אייניגי
סעודה או טראקטאמענט דירעקט אודר אינדירעקט זאל דרפֿן גמאכֿט
ווערדין מיט שפעציאלי אורדר אן אלי שול בדיהנטה אויף החתונה דיא באופן
אחר דיריגירט או איין גריכֿט מעכֿט ווערדין ניט צו דרפֿין אסיסטירין . ומי
שיעבור על הנ״ל ישלם קנס לצדקת קהלתינו יצ״ו סך מאה רייכֿשטאליר
אבן זאל מן מעגין פרייאן על החתונה הן מצד החתן הן מצד הכלה זוא
פֿיל אונ' זולכֿי פרשוינן כטוב בעיניהם ובכן ווערדן היר מיט אלי ארטיקלין
מהתקנות דיא מקדם גמאכֿט זיין השייכים לדבר זה דיא באופן אחר
דיקטירן אלטעריט :

**ח**

**על**
סעודת ברית מילה זאל מן לא יותר דרפֿין ברייאן אלש עשרים
הויז האלטונגן חוץ סנדק ומוהל . וכן בליל ש״ק על הזכר . גם זאל
מן קיינם ניקש דרפֿין מיט געבין אך ניט אהיים שיקן . ולכן זאל
דער בעל הברית זיין פרייא צעטל על ידו אונטר צייכֿנט מוזן געבין ביד
השמש מבה״כ וואו ער גוואונליך אין גיאט אונ' דער שמש זאל דיא צעטיל אן
הפרנס החודש מוזן וויזן . אונ' ווען הפרנס החודש דיא צעטיל אפראבירט

דען מוז דער זעלביגר שמש קונפֿורם דיא צעטיל פרייאן והעובר ישלם
קנס לצדקה עשרים רייכֿשטאליר :

**ט**

**דש**
ווייטר דרך כלל . אלי דיא זעלביגי דיא על ידי פרנסים בזמנם
קונדאמנירט ווערדין זיין איינֿיגן קנס ממון לצדקה דקהלתינו צו מוזן
פֿולטוהן . או זונשטין עונש . הן בכח התקנות דיא מקדם גמאכֿט זיין והן
בכח דיזה נאהנטרי תקנות אונ' דש זעלבגי פרשוינין מעכֿטין מנקירן
זעלביגן קנס או עונש צו פֿולטוהן . זוא זעלין זולכֿי פרשוינן . ווען זיא

שטערבן

[4r]

**תקנות הקהלה** ד

שטרבין נקבר ווערדין אהני איינֿיגי סערעמוניא או עהר בציינונג דנהיגי
קבורת שארי מתים אם לא דז יורשי המת או זייני סוקסעסערס זעלבגן
קנס ממון לצדקה צאהלן . או דען עונש אויז ליזן :

נעשה באמשטרדם 27 פעברוארי 1747
(זיין אונטר צייכינט)

| | |
|---|---|
| ראובן בן ר' ליזר הבבורגר | פרנס החודש |
| יוחנן בן ר' קלמן רענז | רעגירנדר פרנס |
| יוחנן בן ר' משה המבורגר | רעגירנדר פרנס |
| יאקב בן ר' קאשמן ראטרדם | רעגירנדר פרנס |
| מיכל בן ר' ליב בינג | אלטר פרנס |
| זלמן בן מהור״ר פייבלמן קליף | אלטר פרנס |
| גומפיל בן מהור״ר פייבלמן קליף | אלטר פרנס |
| נתן בן ר' קאשמן ראטרדם | אלטר פרנס |
| סענדר בן ר' חיים לוי | אלטר פרנס |
| זנוויל בן ר' מענדלין טראך | רעגירנדר פרנס |
| נתן בן ר' ליב הלברשטאט | רעגירנדר פרנס |
| יעקב בן ד' זלמן נורדן | ג״צ ישן |
| יעקב בן ר' דוד פרופס | ג״צ |
| אלי' בן ר' יהודא פוזנר | אלטר פרנס |
| אנשיל בן ר' זלמן נורדן | אלטר פרנס |
| בער בן כהר״ר שמעון פאלק | ג״צ ישן |
| ליזר בן ר' מדרכי כהן | אלטר פרנס |

[4v]

בורגרמיינשטרן אונ' רעגירדרש דיזר שטאט
אמשטרדם גהערט הבנדי עש פרזוך ע״י פרנסים
וג״צ מקהל אשכנזים במקום הזה אן איר עדלי גרויש
אכטבאהרי גטאהן . אפראבירן תקנות הנ״ל ווייא דיא
זעלביגי אויף גשטעלט זיין :

נעשה ה' מאיי 1747

אויף אורדאנאנציא פֿון איר עדלי גרויש אכֿטבארי
הנ״ל

(אונטר שריבן) יאן פון לאן דע יונג